**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/9/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט האט איבערגעשטיגן א האלב ביליאן דאלער אין מאָביל ספארט געוועטונג שטייער איינקונפט**

***אין לויף פון קנאפע 10 חדשים האט ניו יארק סטעיט נאכאנאנד געבראכן רעקארדס פון שטייער איינקונפט***

***שטייער איינקונפט צוריק אינוועסטירט אין בילדונג, גרענטס פאר יוגנט ספארט פראגראמען און געמבלינג פראבלעם פארמיידונגס-מיטלען באהאנדלונג און ערהוילונג סערוויסעס***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז זינט אנהייב יאנואר, ווען מאביל ספארט געוועטונג איז געווארן צו באקומען אין ניו יארק, האט דער סטעיט איינקאסירט 542 מיליאן דאלער אין שטייער ביז׳ן וואך וואס האט זיך געענדיגט אקטאבער 30, ווייט איבערשטייגנדיג יעדן אנדערן סטעיט אין דעם לאנד נאך 200 מיליאן דאלער אין לייסענסינג אפצאל זענען אויך איינקאסירט געווארן, אויפטרייבנדיג א סה״כ פון איבער 740 מיליאן דאלער אין איינקונפט, דאס רוב דערפון געניצט צו ווערן אויף עדיוקעישען. דאס טוט ווייט איבערשטייגן יעדן אנדערן סטעיט אינעם לאנד, אריינגערעכנט די וועלכע האבן שוין אנגענומען מאביל ספארט געוועטונג שוין עטליכע יאר.

״דורך ברענגען ספארט געוועטונג צו ניו יארק האבן מיר נישט בלויז געעפנט דעם טיר צו פאראנטווארטליכע פארוויילונג פאר מיליאנען ספארט-ליבהאבער, נאר מיר האבן אויך אריינגעברענגט באדייטנדע איינקונפט צו שטיצן סקולס, ווי אויך יוגנט ספארט, און גלייכצייטיג איינפירנדיג וויכטיגע באשיצונגען מאסנאמען צו העלפן די וועלכע נייטיגן זיך דערין,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך בין שטאלץ מיט די ארבעט וואס איז געטון געווארן אויף צו פארזיכערן אונזער סטעיט׳ס העכסטע פאזיציע אין מאביל ספארט געוועטונג, און עס פריידט מיך זייער ווייטער צו גיין אין דער ריכטונג מיט׳ן איינשאפן הונדערטער מיליאנען דאלארען צו שטיצן פראגראמען וואס וועלן פארבעסערן די לעבנס פון ניו יארקער.״

ניו יארק סטעיט האט געשטעלט א נייעם רעקארד מיט 73 מיליאן דאלער אין מאביל ספארט געוועטונג איינקונפט אין סעפטעמבער, דעם גרעסטן סכום אויפגעטריבן דורך סיי וועלכע ביז היינט, ברעכנדיג איר אייגענעם רעקארד פון 63 מיליאן דאלער געשטעלט אין יאנואר. פאר די קאנטעקסט, לויט באריכטן איז די העכסטע חודש׳ליכע מאביל ספארט געוועטונג שטייער איינקונפט אויפגעטריבן אויסער ניו יארק געווען אין פענסילוואניע אין נאוועמבער 2021 מיט 19 מיליאן דאלער.

**ניו יארק סטעיט געימינג קאמיסיע פארזיצער ברייען א׳דווייער האט געזאגט,** ״ניו יארק פירט ווייטער דעם לאנד אין ספארט געוועטונג אדאנק גאווערנער האוקול׳ס איינפירן קלוגע געימינג פּאָליסיס וואס ליפערן ווירקליכע, טראנספארמאטיווע רעזולטאטן פאר ניו יארקער. די איינקונפט אויפגעטריבן פון

ספארט געוועטונג וועט צושטעלן קריטיש-וויכטיגע שטיצע פאר אונזערע סקולס, יוגנט ספארט און פאראנטווארטליכע געמינג פראגראמען.״

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע קאמיסיאנער טשינאזא קונינגהעם האט געזאגט,** ״OASAS שטייט גרייט מיט סערוויסעס און שטיצע פאר ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך מיט געמבלינג פראבלעמען. די צוגעקומענע איינקונפט פון מאביל ספארט געוועטונג וועט ערמעגליכן פאר OASAS צו פארברייטערן וויכטיגע פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג סערוויסעס לענגאויס דעם סטעיט.״

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף פי. אדאבא דזשוניאר האט געזאגט,** ״זינט ניו יארק איז אריין אין דעם מאביל ספארט געוועטונג מארקעט נאך אין יאנואר האבן מיר איינקאסירט איבער 500 מיליאן דאלער אין שטייער איינקונפט. דאס איז אן אויסערגעוועגליכן דערגרייכונג — איבערהויפט אין בלויז א 10-חדשים׳דיגע צייט-שפאן מיט בלויז ניין אפערירער — מיט׳ן מערהייט פון די געלטער גייענדיג צום סטעיט׳ס בילדונגס קאסעס, געמינג עדיקשען פראגראמען, ווי אויך יוגנט ספארט פראגראמען. מיט דער גאר גוטער התחלה, קוק איך ארויס מיט חשק צו א גרעסערע פאטענציעל פאר העכערן די בענעפיטן פון מאביל ספארט געוועטונג פאר די איינוואוינער פון ניו יארק מיט׳ן NFL סעזאן אין פולן שוואנג, די NHL און NBA סעזאנען זיך נעמענדיג אין וועג אריין און דער יעצטיגער ׳ווארלד סעריס׳.״

**אסעמבלי-מיטגליד גערי פרעטלאוו האט געזאגט,** ״עס גיבט מיר גרויס פריידע די סוקסעס פון מאביל ספארט געוועטונג אין ניו יארק, אבער איך בין נישט איבערראשט! ווען סענאטאר אדאבא און איך האבן פארגעשלאגן דעם ביל צו לעגאליזירן מאביל ספארט געוועטונג אין ניו יארק, האבן מיר געוואוסט אז די ספארט-ליבהאבער האבן אן אפעטיט פאר געוועטונג וויבאלד זיי פלעגן זיך אריבערכאפן דעם טייך צו געוועטן אין ניו דזשערזי. מיר האבן יעצט א פעסט אוועקגעשטעלטע ספארטס מארקעט אין ניו יארק מיט מערערע טיעמס אין יעדע גרויסע ספארט ליגעע (NFL, NBA, NHL, און MLB). אונזער ערפאלג איז געווען איינפאך צו ערווארטן — צוליב דעם האבן מיר געוואלט איינקערפערן וויפיל קערפערשאפטן און אפיליאירטע מעגליך. די אונטערנעמונג איז געווען א געווינס פאר יעדן אין ניו יארק, אזוי ווי מיר האבן אויפגעטריבן מיליאנען אין איינקונפט פאר בילדונג און יוגנט ספארט און אין דער זעלבער צייט נישט אוועקגעקוקט פון דער נויט פאר פאראנטווארטליכע געמינג פראגראמען.״

לויט ׳דזשיאָו-קאָמפלייי׳, א סאָפטוועיר פירמע געניצט דורך ספארט-בוכער צו פארזיכערן געאלאקאציע פאדערונגען, זענען איבער 11.3 מיליאן באזונדערע שפילער אקאונטס געשאפן געווארן זינט יאנואר, און אויסגעפירט איבער 985 מיליאן טראנסאקציעס.

קוקנדיג אויף א צעטיילונג פון די דאטא איבער געוועטן דורך ספארט זינט יאנואר 8, 2022, האט ׳מעידזשער ליעג בעיסבאל׳ אריינגענומען 2.6 ביליאן דאלער און דער NBA איז נישט געווען ווייט הינטערשטעליג מיט 2.5 ביליאן דאלער. פאר פוטבאָל, דער מערסט פאפולערער ספארט אין אמעריקע, האט דער NFL אריינגענומען 1.3 ביליאן דאלער במשך 10 רעגלמעסיגע סעזאן וואכן און אלע 2022 ׳פלעי-אָפס׳. קאלעדזש פוטבאָל האט אריינגענומען 406 מיליאן דאלער, וואס איז כולל די 2022 ׳באול געימס׳ און דעם יעצטיגן רעגלמעסיגן סעזאן ביז אהער. אן ענדגילטיגער סטאטיסטיק אויף צו באטאנען די פאפולערקייט פון פּראָו-פוטבאָל מאביל ספארט געוועטונג אין ניו יארק סטעיט ווייזט אז דער דורכשניטליכער צאל טראנסאקציעס אין זונטאגס זינט אנהייב 2022 סעזאן איז 5.7 מיליאן.

ביז׳ן וואך וואס ענדיגט זיך אקטאבער 30, 2022, איז מאביל ספארט געוועטונג האנדל איז 13 ביליאן דאלער מיט נעטא איינקונפט פאר בילדונג 527 מיליאן דאלער. פאר׳ן פינאנץ-יאר 2023 און יערליך דערנאך, ווערן איינקופטן פון מאביל ספארט געוועטונג אויסגעטיילט ווי פאלגענד: 5 מיליאן דאלער צו

פינאנצירן ספארט פראגראמען פאר אונטערסערוווירטע יוגנט, 6 מיליאן דאלער צו פינאנצירן געמבלינג פראבלעם באקאנט-מאכן און באהאנדלען, און דאס רעשט אין מערסטן טייל צו בילדונג הילף.

יעדן פרייטאג פובליצירט די ניו יארק סטעיט געימינג קאמיסיע וועכנטליכע מאביל ספארט געוועט באריכטן אָנליין דא.

די קאמיסיע׳ס רעגולאציעס פאדערן פון אפערירער אפצוהאלטן מינדעריעריגע פון שפילן, צושטעלן פאר געוועטער די מעגליכקייטן צו שטעלן שפענדונג באצוימונגען, און מיטטיילן אינפארמאציע איבער די ריזיקעס פארבינדן מיט געמבלינג און סימנים פון געמבלינג פראבלעמען. ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך מיט א געמבלינג פראבלעם אדער קענען עמיצן מיט א געמבלינג פראבלעם קענען רופן דעם סטעיט׳ס בחינם׳דיגן, קאנפידענציעלן ׳האָפליין׳ אויף HOPENY-1-877-8 (1-877-846-7369) אדער טעקסט׳ען HOPENY (467369). ניו יארקער קענען זיך אויך פארבינדן מיט׳ן ראיאנישן געמבלינג פראבלעם הילפס צענטער אויף: https://nyproblemgamblinghelp.org/.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418